STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05067

DI FILOZOFYE FUN LEBEN

Joseph Danowsky

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Sandor & Elizabeth Burstein
in memory of
Rabbi Elliot & Mrs. Lottie Burstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די

פילאזאפיע פון לעבען

(א הוספה צו מיין ספר „החיים והמות")

פון

דר' יוסף דאנאווסקי

רב פון

ישיבת תורת חיים דהארלעם

105 איסט 103 סט., נ. י.

מחבר פון

„תורה וחכמה", „יורה דרך", „החיים והמות",
„תורת האבות" א. אנ.

(געהייליגט צו דער חתונה פון מיין זוהן דוד צו דבורה)

THE

Philosophy of Life

By

DR. JOSEPH DANOWSKY

Rabbi of

Yeshivath Torath Chaim of Harlem
105 E. 103rd Street
New York City

(Dedicated to the wedding of my son
David to Deborah

Author's Address

1427 MADISON AVENUE

New York City

Copyright July, 1940.
Printed by Postar Printing Corp., 14 *Cook St., Brooklyn.*

אינהאַלט

זייטע

פאָרוואָרט — 4
1. ענערגיע — 9
2. סטאַטיק און דינאַמיק — 9
3. דיוואַין קאָמעדיע — 11
4. קונסט — 11
5. לאַסאַל און מאַרקס — 13
6. נשמה — 16
7. רעליגיאָן — 16
8. מאַנאַטעאיזם — 17
9. פאָליטעאיזם — 19
10. וויסענשאַפט — 21
11. אַנטראָפּאָמאָרפיזם — 22
12. טאַלעס און אַנאַקסימאַנדער — 23
13. עמבריאָלאָגיע — 25
14. די פּיטאַגאָרישע שולע — 26
15. העגעל, ספּענסער און קאַנט — 28
16. סאָקראַטעס — 29
17. ציניקער — 30
18. פּלאַטאָן — 31
19. אַריסטאָטעל — 32
20. סטאָאיקער — 33
21. פאַרגאַנגענהייט — 34
22. ליידען — 35
32. געאָלאָגיע — 37
24. גייסטער — 39
25. בריף פראַגמענטס — 43
26. ווערטער אויסטייטשונגען — 47

פארוואָרט

שווער וועט אויסזעהן דער ספר'ל אין די אויגען פון אָרטאָדאָקסישען אידענטום. אַן אָרטאָדאָקסישער רב און אַ פילאָזאָף, ווי האַרמאָנירט עס? וויל איך אייך באַמער־קען, אַז מיינע ספרים בכלל זענען פאַר אידען געלערנטע, אַזעלכע וואָס האָבען שוין טיפע פעשטענדניסע אין לאָ־גישע און סכאָלאסטישע טעאָריען. און מערקט: 1) דן יהודה אברבנאל האָט איבער פילאָזאָפיע געשריבען אין זיין Diologue inter Pilonem et, Sophi (2 ר' יהודה מיסיר ליאון דער בעל פלוגתא פון מהרי"ק האָט געשריבען איבער Rhetorik, ר אליהו מזרחי, דער באריהמטער גאון און שפראכבענקענער, ווען ר' יוסף קנדיאה רופט אַן אריסטאטעלער שכל, 4) ר' יצחק בן ערמאה דער בעל עקדת יצחק איינער פון די גרעסטע פילאסאפען. 5) ר' אברהם פריצעל דער קאָסמאָגראף. 6) ר' עובדיה ספורנו א גרויסער פילאסאף. 7) ר' עזריה מן האדומים דער בעל מאור עינים, פון די גרעסטע היסטאריקער. ר' משה אלמושנינו און דער רמ"א (ר' משה איסרליש), ר' מרדכי יפה דער בעל הלבושים, אסטראנאם, און ר' מנשה בן ישראל, דער בעל נשמת חיים, און כהנה וכהנה פילאזאפען, היסטאריקער, רעטאריקער און באזיצער פון אלערליי וויס־ענשאפטען, לכן דענק איך אז רבנים, גאונים דרשנים, און רעדנער וועלכע ווילען זיך באנוצען מיט מיין ספר „החיים

והמות", מוזען אויך קענען די טערמינאלאגיע פון אלער־
וויסען לויט אנדערע געלערענטע, ווייל אזוי האָט ר' מאיר
געטאן: רמון מצא, תוכו אכל, קלפתו זרק. דער בעסטער פי־
לאסאפישער און וויסענשאפטליכער ספר פארן עולם, איז
אונזער תלמוד, דכולא ביה, נור די קאללעדזש סטודענטען,
הערענדיג מיינע אנאלאגיעס און תלמודישע עטהיקס האבען
מיר געבעטען עס פארעפענטליכען, אבער צוליב דעם
מאנגעל אין מעצענאטען, און מיין ארימקייט פינאנציעל,
האב איך באשלאסען עס בלויז אין פראגמענטען צו
דרוקען, און ווען דער פאלק וועט פערלאנגען מיינע אל־
געמיינע וויסענשאפטליכע אבהאנדלונגען וועל איך בעזר
השם ערפילען, ווייל איך בין מיט דער מיינונג אז עס דארף
ניט זיין „ותורתך בתוך מעי" נור יעדער איינער דארף
זיין וויסען אוועקגעבען דער עפענטליכקייט אום אונ־
שטערבליכקייט צו ירש'ענען.

דער געלערענטער ווארנעקראס אין זיין בוך
Entwurf der Hebraischen Alterthum זאגט: אז
די יודישע נביאים זיינען געווען גרויסע באטאניקער,
באווייזענדיג לויט תנ"ך'ישע שטעלען. נח איז געווען א
גרויסער אסטראנאם לויט טאציאנוס Tatianus (זעה
בר' כ"ו). אז אברהם אבינו איז געווען אנ' אסטראנאם
זאגט די גמרא אין „השותפין" „וד' ברך את אברהם בכל
ר' אלעזר המודעי אומר איצטגנינות גדולה היתה לו

לאברהם שכל מלכי מזרח ומערב משכימים לפתחו". און לויט „פילון" דער איד האט אברהם ערפינדען די קונסט פון שריפט און איבערגעגעבען עס צו די פיניציינער, וועלכע האבען געוואוינט אין כנען. אויך ר' אליעזר חסמא און ר' יוחנן בן גודגדא זאגען די חז"ל אין הוריות ו', אז זיי האבען געקענט אויסרעכענען וויפיעל טראפען וואסער אין ים איז דא. ר' שמואל ירחינאי—אריוך רופט מען איהם, איז געווען אן אסטראנאם און באזעסען גריכישע און מע־דיצינישע וויסענשאפטען, לויט די גמרא אין ב"מ פ"ה „שמואל אסא דרבי הוה", און רבי האט איהם דערפאר געוואלט סמיכה געבען, ווייל א דיפלאם פאר רבי אדער דאקטאר האָבען דאן די גרויסע געקענט אליין געבען. אָבער משמעות, אז רבי'ן האט זיך עס ניט איינגעגעבען, האט ער איהם בלויז „חכם" גערופען. דער תשב"ץ אין תשובה כ"ד פון זיין ערשטען חלק זאגט, אז פיל וויסענשאַפט־ליכע ספרים זענען פארלארען געווארען, וועלכע האבען זיך באשעפטיגט מיט אלערליי וויסענשאפטען און חכמות. געבליבען זיינען בלויז דער ספר יצירה פון ר' עקיבא, פרקי ר' אליעזר, און דער רוימישער יוסיפון, ווי אויך ידידיה אלכסנדרוני'ס ספרים, אין „חלק" צ"א איז רבנו הקדוש מסכים צו אנטונינוס, אז די נשמה קומט צום מענשען פון פארשוועגערונגס מאמענט. דער רמב"ם און ר' דוד נוטיי אין „מטה דן" ווייזען אן, אז אלע חכמות זענען אונזערע קדמונים באזעסען, ספרים חצוניים ווילען

זיי רופען „ברייתא” פון ווארט „ברא”—אויסוועניג— און דאס זעלבע ווערט באמערקט איבער „ספרי המירם” אדער „מירים־מינים, ווייל זיי האבען זייער רעליגיאן געביטען (ברטנורא, ידים פרק ד׳ משנה ו׳.) דאס אלעס האט מיר באוועגט אין א מיניאַטור פאָרם, מיינע קורצע איבערבליקען געבען דעם גרויסען עולם, און דאָס וועט פיל העלפען די יעניגע וואס קוקען אריין אין מיינע ספרים; תורה און חכמה, יורה דרך, החיים והמות, תורת האבות, פסיכאלאגישע לעהרען (אין דייטש) א. אנ. און דעריבער גיב איך עס אין א באזונדער פאמפלעט ארוים אין יודיש, צו ערלייכטערען און ערמעגליכען צו פארשטעהען די אנדערע שאפונגען מיינע, און אויב יודען פארטיפען זיך אין רמב״ם׳ס. פילאנס, רלב״ג׳ס, פילאזאפישע באשלוסען, זאלען די אנדערע פיל וויניג האבען א בעגריף דורך די וויניגע איינדריקע, וועלכע איך גיב דאָ איבער.

דעם ספר האָב איך אַלס הוספה צו מיין „החיים והמות” ספר געשריבען. אוןביידע זיינען פאַר רבנים, מטיפים און געלעהרענטע, און פאַרשטעהט זיך אַז אַזוינע ספרים איז לעזען אַליין אַ קליינע פעולה, מען מוז מעהר־ערע מאָל שטודירן און אַרויסבאַקומען דעם קווינט עסעניץ פון יענעם געדאַנק, וועלכען איך ברייננ. דער לאַטאינער פלעגט זאָגען: קוואָד־ליצעט־יובי־נאן־ליצעט בוווי quod licet jovi non licet bovi

עס מיינט „וואָס א שטאַרקער קען זיך ערלויבען קען ניט קיין שוואַכער," וואָלט איך שטאַרק געווען פינאַנציעל וואָלט איך דעם בוך, אין א בוך פאָרם, מיט אפּאָר הונ־דערט זייטען געדרוקט, וועלכע זיינען ביי מיר אין מאַ־נוסקריפּט, נור מיין שוואַכע פינאַנציעלע לאגע ערלויבט עס ניט, וועל איך זיך באַנוגענען מיט דאָס ביסל, אָבער אויף דעם פערלאַנג פון פאָלק, וועל איך בעה"ש צו יעדער צייט קענען די רעשט פון מיין שאַפונג דער עפענט־ליכקייט שענקען:

מיינע ספרים: „תורה און חכמה", זיינען שוין כמעט ווי ניטאָ אויפ'ן מאַרקעט „יורה דרך" האָט מר. רעזניק גע־דרוקט, „תורת האבות" האָב איך אין ווארשע געשיקט צו דרוקן 2 וואָכען פאַר דער שווערער היטלעריסטישער מלחמה — ?

„החיים והמות און פילאָזאָפיע פון לעבען" זיינען פאַר'ן פובליק צו באַקומען.

1. ענערגי.

ווען א מענש ארבייט זיך איבער, ער טראָגט א שווערע משא, האַקט שטיינער, קלעטערט אויף בערג, שפרינגט, טאנצט, שפיעלט — אלעס הייסט עס ארבייט. ארבייט קאָן אָבער זיין א פרוכטבארע און אן אנגענעמע, עס קען אָבער אויך זיין א שווערע און א שעדליכע. עס ווענדעט זיך לויט די אומשטענדען. די פיזיקא לערנט אונז אָבער, אז עס קען באשטימט ווערען די מאס פון קוואנטיטי צו אלע קערפערליכע ארבייטען. א געזונטער מענש אין זיין מיטעל־עלטער קען טעגליך אויסארבייטען 200000 קילאגראַ־מעטער,. דער שוואכסטער מענש קען אבער בלויז אן ערג" אויסארבייטען טעגליך.(ערג—מיינט איין הונדערט מיליאן חלק פון א קילאגראמעטער). עס ווענט זיך אן מענשליכען כח.

2. סטאטיקא און דינאמיקא.

יעדע געזונטע עקזעסטירענדע פאלק באשטייט פון צוויי באזונדערע גרופען, וועלכע זענען שטענדיג איינע געגען די צווייטע, דער סטאַטישער טייל פון פאָלק, דאָס איז דער קלאַס, וועלכער איז פאַר דאָס עק־זיסטירענדע און איז געגען יעדען נייעם שטראם, וועלכער וויל זיך אריינברעכען און ביימען די ארדענונג צווישען פאלק, און דער דינאמישער טייל פון פאלק, וועלכער פארלאַנגט פראָגרעס און וויל דעם רעג־רעסיווען שטאנד צו רייסען. די יוגענט ביי יעדען פאָלק נאטירליך איז דינאַמיש, זי וויל ארונטערוואַרפען דאס

אלטקייט און נייעם איינפלאנצען אין פאלק, דאס איז אבער מעגליך נור ביי אַ פאָלק וואָס זיצט אויף זיין לאַנד, באַזיצט זיין שפּראך און קולטור, פיהרט זיין קולטוס (גאטעס דינסט) און טראַדיציעס, שווער אבער איז, דינאמיש צו זיין ביי א גלות פאלק, וואָס איז באַגרעניצט אין זיינע שטרעבונגען, אידעען און אויספיהר פּראגראמען. און דעריבער דארף אזא פאלק וואס איז בארויבט פון זיינע נאַציאָנאַלע און מענשליכע רעכטע צוערשט זיין דינאַמיש, קאמפּפעהיג זיין אַנערקענונג צו געווינען, נאַכהער פּראגרעסירען לויט דינאמישע פאדערונגען.

דאָס זוכען נייע וועגען פון דענקען, דאָס אומצופרידענהייט מיטן הוה וויזט, אַז דער אמת איז ניט א סטאַטישער, נור אַ דינאַמישער, פּונקט אין דער קאָסמישער געשיכטע. געטע זאָגט אַז דער אמת איז צו גרויס ער זאָל זיך קענען איינלייגען אין איין רעליגיע, נור ער איז דאָ אין אַלע צוזאַמען. יעדע שיטה איז אַ שטיק אמת און איהר געגנערשע שיטה איז אויך אַ אמת. דער אמת איז אַ באַוועגליכער, דער קולמינאַציאָנס פּונקט פון יעדער קולטור איז אויך גלייכצייטיג איהר טויט פּונקט, ווייל ער בעוויזט אַז די עוואָלוציע איז שוין דערפיהרט געוואָרען ביז צום סוף און דער אגרעגאט איז אויסגעשעפּט. און דעריבער דאַרפען מיר קוקען אַזוי, אַז אמת און שקר זאָל ניט זיין גילטיג — נור בלויז אמת אַליין. דער חותם פון גאָט לויטן יידישען דאַרף פאַרנעמען אונזער אויפמערקזאַמקייט . . . חותמו של הקב"ה אמת . . .

Divine commedie

דאנטעס געטליכע קאָמעדיע איז צוטיילט אין דריי־
טהייל: 1) דער גיהנם, 2) פורגאַטאָריום (ריניגונגס פּלאַץ
פאר נשמות), 3) און פאראדיז. דער גיהנם אדער העללע
סימבאליזירט די וועלט פון ליידען, דער פורגאטאריום —
די וועלט פון אידעאלען און דער פאראדיז די וועלט פון
פערנונפט. אין דער גיהנם וועלט זעהט מען, טיראנען,
שווינדלער, מערדער, גנבים, רויבער. אין דער פורגאַטאָ־
ריום וועלט זעהט מען שריפטשטעלער, דיכטער, קינסטלער
א. אנ. אין דער פאראדיז וועלט זעהט מען פילאָזאָפען,
רעגירער און ראציאנאליסטען, שכל'דיגע פארשטעהענד'ע
מענשען. ווירגיל (א רוימישער דיכטער) האָט איהם,
דאנטען, געפיהרט דורכ'ן גיהנם און איהם איבערגעגעבען
צו בעאַטריצען (זיין געוועזענע געליבטע) אין פורגאַטאָ־
ריום און פון דאָרט האָט זי איהם אין פאראדיז געבראכט.
ווייל ווירגיל קאן אהין ניט אריינקומען, צוליב זיינע קליינע
פארדינסטען. א וואנדערער אויפ'ן זאמד זעהט נור סמנים
פון טריט אָבער ניט מעהר און דאָס קענען זעהן פריי־
דענקער און שרייבער, אָבער רעליגיעזע מענשען זעהן אסך
מעהר און ווייטער . . .

4. קונסט.

אין דער אינעלעקטועלער טעטיגקייט פון דעם

מענשליכען לעבען מערקט זיך צווי קאמפליצירטע ערשיינונגען; פילאסאפיע און קונסט. ווענען פילאָזאָפיע איז שוין גאנצע בערג מיט נארישקייטען אָנגעשריבען געוואָרען און די מאיאָריטעט פון מענשען האָבען עס פאר חכמות אָנגענומען, ווייל זיי זענען גייסטיג שוואַך געבוירען, און קענען ניט אורטיילען איבער געדאנקען, וועגען קונסט אָבער זענען פארשידען די מיינונגען פון קאנט, טאָלסטוי, טאָן און שאָפּענהויער. עס איז אָנגענומען אַז דאָ שפּילט די הויפּט ראָלע דער כאראקטער פון דעם סקולפּטאָר אָדער מאלער. עס איז אָבער אַ פאלשער באגריף, ווייל מעלות קען מען צושרייבען צו יעדען אינדיווידום, מוט, גוטסקייט, ערליכטקייט און שיינקייט. אזוי קען מען אויך צושרייבען חסרונות יעדען אינדיווידום, ווייל, יעדערער מעסט די וועלט דורך זיין אייגענעם מאטעריעלען אומשטאנד”, און פונקט ווי דער אויסזעהן פון די דרויסענדיגע ערשיינונגען בייטען זיך, ווען מען קוקט אויף זיי דורך אַ פארביגען שטיקעל גלאָז, אזוי ענדערען זיך די אנשויאונגען נאָך די אומשטענדען. דער קאפּיטאליסט זעהט אין כאראקטער נור זיין מאכט, די אומ׳רחמנות׳דיגע עקספּלאטירונג און אונטערדריקונג פון שוואכען דורכן שטארקערען. דער ארבעטער וועט זעהן בלויז די בעפרייאונג פון שוואכען. דער מיליטאריסט וועט זעהן אין כאראקטער דעם מוטיגען סאָלדאט וואָס איז זיך מקריב, און דער טיראַן־דיקטאטאָר וועט זעהן בלויז אַ הערשער

מיט אן אייזערנער מאַכט צו אונטערדריקען זעלבסטשטענ־דיקע מיינונגען פון בירגער. און אזוי זעהט יעדער אינ־דיווידום בלויז דאָס וואָס איהם ווילט זיך און יעדען אנ־דער „כאַראַקטער" וועט ער האַסען.

קונסט איז די פּראָדוקציאָן פון קינסטלער, ענטשטאַ־נען דורך זיין קלאָרען פערשטאַנד, פון זיין שאַרפען בליק אויף די וועלט פּאַסירונגען. קוקען דעם אמת אין די אויגען איז די דעפיניציאָן. דער מענש איז נור א קליינינקער רינגעלע אין דער אונענדליכער קייט צו דער צויבערהאַפ־טער עקזיסטענץ אין „לעבען".

5. לאַסאַל און מאַרקס.

ביידע זענען זיי תּלמידים פון העגעלס שולע און גלוי־בען אז פילאָזאָפיע דאַרף פארשטיין דער וועלט אזוי קלאָר און דייטליך וואָס זאָל אויף יעדער פראַגע קענען ענטפע־רען פּאָזיטיוו, פּאַרוואָס דאָס מוז אלץ זיין אזוי און ניט אַנדערש. דער אונטערשייט צווישען זיי איז בלויז וואָס מאַרקס איז א מאַטעריאַליסט און לאַסאַל אַן אידעאַליסט.

מאַרקס באַווייזט אז אידעאַליזם איז פאַרבונדען מיט מאָנאָטעאיזם און מאַטעריאַליזם איז פאַרבונדען מיט אַטע־איזם. לאַסאַל בעווייזט אז מאַטעריאַליזם פירט לאָגיש צו מאָנאַטעאיזם און אז דער העגעליאַנישער אידעאַליזם איז לאָגיש פאַרבונדען מיטן אַטעאיזם. לאַסאַל באַשטייט אז די אויפגאַבע פון פילאָזאָפיע איז אויסצוגעפינען קלאָר די נויטיקייט פון אלץ וואָס פּאַ־סירט אויף דער וועלט, אָבער דער מאַטעריאַליזם, אז אלץ

באַשטייט פון מאַטעריע, קען ניט דערפילען די פאָדערונג פון דער פילאָזאָפיע, אַפילו ווען מען זאָל צופירען אַלע פראָצעסען פון דער וועלט צו דער באַוועגונג פון מאַטע־ריעלע אַטאָמען, אַפילו מען זאָל ערקלערען אַז דורך צוצי־הונגס־קראַפט מאַכט מען די אַטאָמען זאָלען זיך ציהען, דער שכל איז ניט מחייב אַז מאַטעריעלע אַטאָ־מען זאָלען האָבען אַ צוציהונגס קראַפט. די אַלע געזע־צען מעכאַנישע, פיזישע, כעמישע, ביאָלאָגישע, פסיכאָ־לאָגישע, סאָציאַלע און היסטארישע וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט הענגען אויף אַ בלינדען פאַקט וואָס די אַטאָמען האָבען צוגעצויגען צו זיך. ווי אַזוי אַבער די פסי־כישע פראַצעסען באַווייזען זיך אין דער טויטער, אומבאַ־וואוסטער מאַטעריעלער נאַטור איז אַ בלינדער צופאַל.

העגעל באַגרינדעט די וועלט אָן אַ שום היפּאָטעזע, אָן אַ סברה וועגען מאַטעריע אָדער גייסט, וועגען אַ „איך" וואָס טראַכט, עפּעס איז דאָ, עס איז דאָ אַ „זיין." דער „זיין" ווערט מגולגל פון זיך אַליין פון זיין דיאַלעקטיק, אין אַנאַנדער געדאַנק, און אַז מען פאַרקייטעלט די גע־דאַנקען זעהט מען אַז דער תוך פון דער וועלט איז ניט די מאַטעריע נור דער געדאַנק. נעהמען מיר אָן, אַז די סובסטאַנץ פון דער וועלט איז די אידעע פון דער וועלט מיט אַלע גלגולים וואָס ליגען לאָגיש אין דער אידעע איינגעוויקעלט . . .

6. נשמה.

די פונאַנדערטיילונג צווישען קערפּער און נשמה שטעלט פאַר דעם איבערגאַנג צווישען לעבען און טויט, און דאָס שטייט אין באַוועגונג; בעוויזט אַריסטאָטעל אַז די נשמה איז דער פּרינציפּ פון באַוועגונג. „די נשמה איז דאָס וואָס באַוועגט זיך אַליין", און נשמה ענטהאַלט: שכל, עמפינדונג, וואַקסען און מעהרען זיך. נשמה לויט די פּיטאַגאָרעער הייסט די האַרמאָני פון קערפּער, וואו אַלע טיילכעלעך פון קערפּער ווערן באַווירקט, ווייל אָן קערפּער אַקטיוויטעט וואָלט ניט מעגליך געווען קיין שכל און עמפינדליכקייט.

די פּיטאַגאָרעער האָבען אַקצעפּטירט די צווייטע אַל־טערנאַטיווע. דער נשמה עקזיסטענץ שרייבט מען צו דעם פּלוצלונגען איבערגאַנג פון לעבען צום טויט. די נשמה מוז אָבער גיין צוזאַמען מיטן גוף אום איהם צו באַלעבען און פאַרגרעסערען זיין ווירקונגס ספּערע, ווייל נשמה און גוף איז איין און די זעלבע זאַך; קוקענדיג אויף איהר איינהייטס פּנים רופען מיר זי נשמה, קוקען מיר אויף איהר צוטיילטקייטס פּנים רופען מיר זי גוף.

אַנאַקסימאַנעס זאָגט: „פּונקט אַזוי ווי אונזער נשמה, זייענדיג לופט, האַלט אונז צוזאַמען, אַזוי טוט אָטעם און לופט אַרומנעהמען די גאַנצע וועלט". זיין סיס־

טעם ווערט געבויט אויף דעם חשבון, אז לופט איז דער אורשפרונג פון קיום, און לופט איז די אונענדליכע וועלט סובסטאַנץ וואָס רינגעלט ארום די וועלט פון אַלע זייטען און דינט איהר אַלס רעזערוו צו האַלטען דעם גלייכגע־וויכט אין די וועלט שטאפען . . .

7. רעליגיאָן.

מעטאָפיזיק איז א צווייג אין דער פילאָזאָפיע, וועל־כע בעהאַנדעלט די ערשטע אורזאַכע פון דעם עקזיסטי־רענדען וועזען. און אויף מעטאָפיזישע פראגען „וואָס איז די אורזאַכע פון דער עקזיסטירענדע נאַטור" ענט־פערט רעליגיאָן.

און נאָך א לאַנגער ארגומענטאציע צווישען אמונה און אַטעאיזם איז דער רעזולטאַט אז מעטאָפיזיק פאָלגט פון רעליגיאָן, ניט פארקעהרט, אז רעליגיאָן איז א פועל יוצא פון מעטאָפיזיק, אז רעליגיאָן איז עלטער פון מעטאָ־פיזיק. ווייזט אז פרימיטיווע פעלקער האָבען שוין רע־ליגיאָן געהאַט, ווערענד מעטאפיזיק קומט כראָנאָלאָגיש פיעל, פיעל שפעטער.

נאָך א בעוויז אז רעליגיאָן קומט פאַר מעטאָפיזיק איז, אז רעליגיאָן אין איהר ערשטער פאַזע שטעלט פאָר דעם פאָליטעאישען קולט אין זיינע ערשטע רייהען און פאָרמען. און אויב רעליגיאָן וואָלט זיין אַן ענטפער אויף

מעטאַפיזישע ספקות, וואָלט אבסאָלוט אומפארשטענדליך געווען ווי אזוי געצענדינסט מיט איהרע אבערגלויבענס זאָלען קענען גילטען פאר דורות לאנג אלס צופרידענשטע־לענדער ענטפער אויף אזעלכע קלוגע פראגען ווי מעטאַ־פיזיק שטעלט פאָר . . .

רעליגיאָנס אינסטינקט איז דער מענשליכער פאר־לאנג צו קומען אין קאָנטאקט מיט העכערע עקזיסטענץ פאָרמען. און דער פערלאנג מוז זיך שאפען אן אידעאל, וועלכער זאָל אין זיך פארקערפערען העכערע וועזענטליכ־קייט ווי חכמה, קראַפט, א. א. וו. ואז הוחל לקרא בשם ד' . . .

8. מאנאטעאיזם.

קסענאפאנעס לערנט בלויז פון איין גאָט, דער גרעס־טער צווישען מענשען און געטער. ניט ענליך צו שטערב־ליכע, ניט אין פאָרם און ניט אין געדאנק. ער איז אלצ־וויסער, אלצזעהער, אלצהערער. דאָס איז אָבער ניט מאָנאָ־טעאיזם נאָר פאליטעאיזם. „ער איז דער גרעסטער צווישען געטער", מיינט, אז עס איז דאָ פיעל געטער נור ער איז דער גרעסטער. געטער, זאָגט ער, זענען נאטור כחות און דער איינציגער גאָט איז אויך אַ נאטור כח, לויט זיין אבסאָלוטען ווילען, נור עס איז אן אינערליכער כח אין דער וועלט מאטערי: זיין שיטה איז אונאקצעפטבאר לויט

יידישע באַגריפען. „גאָט און נאַטור איז איינס". ד. מ. פאַנ־טעאיזם, לאָזט זיך אויך לאָגיש ניט ערקלערען. אויב גאָט און מאַטעריע איז איינס, מוז די ענדערונג פון איינעם זיך אָפּרופען אויפן צווייטען און עס דאַרף ניט קענען זיין גייסט און מאַטעריע, אָדער מאַטעריע און גייסט. און ווען מאַטעריע ענדערט זיך פון איין פאָרם אין א צווייטער, מוז די צווייטע פאָרם באַקומען גייסט בעת די ערשטע מוז עס פאַרלירען.

אין שפּינאָזא'ס פּאַנטעאיזם קומען פאָר ענדערונגען אין די מאָדוסען בעת די סובסטאַנץ מיט איהרע אַטרי־בוטען בלייבען אומפאַרענדערט. (איך מיין אז די אינ־טערפּרעטערס האָבען ניט ריטכיג קסענאָפאַנען איבער־געגעבען. מחבר).

ער זאָגט: 1) גאָט מוז אַלעס באַהערשען, ער איז אבסאָלוט גאָט פונקט ווי דער מענש איז אבסאָלוט מענש. 2) גאָט מוז זיין איינער. 3) גאָט מוז זיין פאָלשטענ־דיג אין אַלע זיינע פונקציעס, זעהן אַלעס, הערן אַלעס. 4) גאָט פירט דורך זיינע מעשים מיטן כח פון זיין גע־דאַנק אַליין, ווייל א געדאַנק איז פאָלקאָם.

און די יידען האָבען מאָנאָטעאיזם אקצעפּטירט שוין לאַנג פריהער פאַר איהם, און חז"ל האָבען געלערנט: „אין דורשין מעשה מרכבה ביחיד אלא אם כן היה חכם

ומבין מדעתו". און געטליכקייט בכתב לויטן יידישען איז אימערצו פארקליידט אין א לבוש, גאָט איז פערפעקט אין אלע פאקולטעטען, וועלכע שטעלען דעם יסוד פון ריי־נעם מאָנאָטעאיזם. דער שלום איז אַז קסענאפאנעס האָט געהערט פון מאָנאָטעאיזם פון יידישע חכמים און האָט די אידעע אָנגענומען . . .

9. פאליטעאיזם.

דער גריכישער פאליטעאיזם פון האָמער און העזיאד זענען שנעל ארונטער פון דער ארענע, און טהאלעס מיט זיין „יאנישע" שולע האָבען געלערנט גאנץ אנדערש:

אלץ וואָס עקזיסטירט אין אוניווערס באשטייט פון דעם וואסער עלעמענט, וועלכע איז עלאסטיש און נעמט אָן אלע פאָרמען. ווען פלייש ווערט אין א גאז פערוואנ־דעלט דארף מען ניט זוכען די אורזאכע פון אומקום פון די פלייש אָדער פון דעם גאז געבורט, ווייל ס'איז קיין ענדערונג ניט פאָרגעקומען, נור די וואסער האָט זיך פאָר־

מירט פון איין פאָרם אין א צווייטער, בלייבענדיג בעצם
די זעלבע.

ווען סאָקראַטעס, למשל, ווערט שיין אָדער קולטערעל
זאָגען מיר אז יענער סאקראטוס איז שוין מעהר ניטאָ.
דער סוביעקט בלייבט דער זעלבער ביי אלע טוישונגען.
ווען אָבער סאקראַטעס זאָל פערוואנדעלט ווערען אין א
שטיין, אין ערד, מוז ער שוין אנדערש דעפינירט ווערען
און דערפאר פארלירט זיך עס ניט בכח. אָבער וואסער
אלס דער עלעמענט פון אלע עקזיסטירענדע זאכען איז
א שטאָף וואָס באזיצט אלע פאָרמען בכח, און זיין מאטא
איז : „אלע זאכען זענען פול מיט געטער און מאגנעט
לעבט ווייל ער באזיצט די קראפט צו באוועגען אייזען.״
ניט אזוי אָבער לערנען די פעלקער מיטיאלאָגיעס.

דער פערלאנג צו העכערער עקזיסטענץ פאנגט זיך
אָן דורך פארעהרונג פון די העלדען, חכמים, א. א. וו.,
מיט א טענדענץ צו איבערטרייבען זייער חשיבות. און
אזוי אפילו נאָך זייער טויט ווען דורך חלומות אָדער
האלוצינאציעס האָבען די פארשטאָרבענע געוויזען סמנים
פון זייער עקזיסטענץ נאָכן טויט, דאן הייסט שוין א פאר־
עהרונג פון גייסט, וועמענס אקטיוויטעט מען איז ניט
אומשטאנד צו דערקענען און אלע שרעקען זיך פאר דאָס
אונזעהבארען, פאדן גייסט, און ברייננען מתנות צו שטי־

לען דעם גייסט'ס צאָרן, און די פרימיטיווע מענשען האָ־
בען יעדען סובסטאַנץ וואָס האָט אַ שייכות מיט מענשען
ווי אַ בוים אויף אַ קבר, אַ מצבה, א. א. וו. פאַרקערפּערט
אַלס לבוש פון גייסט, און אַזוי איז געשאַפען געוואָרען
שטיינערנע און הילצערנע געטער, מיט אַ מכשף וואָס
פאַרבינט אַלץ מיטן גייסט.

דאָס איז געצענדינסט וואָס מען טרעפט נאָך היינט
ביי אונקולטורעלע פעלקער, און אַזוי זענען נאַטור קרעפ־
טען פאַרגעטערט געוואָרען, דער הימעל, ערד, זון, לבנה,
שטערן. דער ספּיריטואַליזם האָט אויך פיל מיטגעהאָלפען
צו דעם גייסטער פאַרגעטערונג. דורך דער הילף פון אַס־
טראָלאָגען זענען שטערן פאַרגעטערט געוואָרען און דאַן
קומט די צווייטע פעריאָדע פון איינטיילען די געטער אין
כחות. „אַפּאָלאָ" האָט צו טון מיט ליכטיגקייט, „דעמעטער"
מיט ערד פּראָדוקציאָן, און ווייל די ספקות פון זייער טע־
טיגקייט האָט אַנטוויקעלט מעטאַפיזיק און קאָסמישע קער־
פּערס האָט עס געבראַכט צו צוויי קערפּערס „הורמין און
אַהורמין" און צום אונטערגאַנג פון געצענדינסט.

10. וויסענשאַפט.

1) לאָגיק, 2) מעטאַפיזיק, 3) פּסיכאָלאָגיע,
4) עטהיק, 5) עסטעטיק, 6) נאַטור וויסענשאַפט
7) רעליגיאָנס פילאָזאָפיע.

די ליטעראַטור פאַר דעם אַלעם קען באַנוצט ווערען: אַריסטאָטעל'ס „אָרגאַנאָן" אין לאַטיין, באַקאָ דע ווארול'ס „נאָוואום אָרגאַנאָן", לייבניצע'ס „לאָגיקא", וואָלף'ס „פילאָזאָפיא ראַציאָנאַלים סעו לאָגיקא", עמאַנועל קאַנט'ס „לאָגיק", „מלות ההגיון לרמב"ם". „לאָגיקאַ פּראַקטיקאַ באַשטעהט פון ערפאַרונג, עקספעריענציא און פון נאָכדענקען, מעדיטאַליא".ביידע חלקים האָבען צו טאָן מיט פּעדאַגאָגיג; ווענען די אַלע אויבענדערמאָנטע טעזיסען וועט בעהאַנדלען מיין בוך אין דייטש „אַלגאַנאַלאָגיע" אָדער קאָסמאָגאַניע — וועלט אָרגאַניזם . . . וואָס וועט קירצליך ערשיינען.

11. אַנטראָפּאָמאָרפיזם.

די תאוות וואָס דער מענש האָט צוגעשריבען די אידעאַלען, די אָפּגעטער, בילדענדיג זיי אין זיין אייגענער געשטאַלט ברעכט די האַרמאָני צווישען זיי. ווען אַ מענש קאָנצענטרירט זיך אין זעהן, הערן, דענקען און ער קען ניט אַזוי גוט זעהן, הערן און דענקען, און די וועלט אָרדנונג פאָדערט אַז די גאַנצע וועלט אין אַלע איהרע פאָרמען, וועלכע גילטען אַלס אביעקטן פאַר פאַרשידענע פונקציעס, זאָל גלייכצייטיג דערקענט ווערען אין יעדען מאָמענט. דער וועלט אָרדנער מוז באַזיצען אַ כח פון פאָלקאָמענער קאָנצענטראַציע אין אַלע זיינע חושים גלייכצייטיג, ווי קסאפאנעס זאָגט: „דאָס גאַנצע פון איהם זעהט, הערט, דענקט", און דאָס האָבען די אָלימפּישע געטער

משפחות ניט געהאט. וואָלטען די געטער פרעטענדירט צו זיין פריי פון ליידענשאפט, תאוות, אנטראפאמאָרפיזם, וואָלטען זיי ווייטער זייערע ראָלען געקענט אָנהאלטען.

עס הערשט אָבער אין דער נאַטור א געזעץ פון ענ־דערונגען. אַלץ ענדערט זיך. די שטאָף בייט איהרע קוואַ־ליטעטען און די געביטענע קוואַליטעטען זיינען אזוי פאר־שיידען פון די פריהעריגע, אז מען קען ממש זעהן דעם קאָנטראסט. פון א יש ווערט אַן אין און אומגעקערט, פון א גאָר ניט ווערט א עפּעס. און באַציהענדיג זיך לויט די געזעצען איז געשאפען געוואָרען דער אידישער מאָנאָ־טעאיזם, אין טראָטץ פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, וועל־כע שאפט ספקות און בלייבט אונערקלערט.

לויט אריסטאָטעלס לעהרען זענען „ענדערונגען” א פאָרם פון באוועגונג. פיר סאָרטען באוועגונגען רעכענט ער: סובסטאנץ פארענדערט זיך דורך געבורט, די קוואַנ־טיטעט דורך וואקסען, די קוואַליטעט פון דער סובסטאנץ ענדערט זיך דורך אַן איבערטווישונג פון איהרע איינעצ־שאפטען און די רוימליכע באוועגונג דורך איבערגאנג פון איין פּלאַץ צום צווייטען.

12. טאלעס און אנאקסימאנדער.

טאַלענס לערנט אז אַלע שפּראָצונגען זיינען פייכט,

פייכטע זאַכען האָבען וואַסער אַלעס דעם ערשטען פּרינציפּ פון זייער נאַטור. וואַסער איז אַ נויטיגער פּראָדוקט ביים וואַקסען, ביים ערנעהרען, ביים לעבענס דערהאַלטונג פון אַ קערפּער. אַלע פּלאַנצונגען ציהען זייער יניקה פון וואַסער. ביים שטאַרבען ווערען אַלע זאַכען אויסגעטריקענט. ווען אַ זאַך, ערקלערט טאַלעס, באַוועגט זיך הין און צוריק מיט'ן זעלבען כח, ווי אַ פּאַמפּענדיקל פון אַ וואַנט זייגער, וועט דורך מאַכען די שטרעקע אַזוי ווי דער אויסגאַנגס פּונקט וואָלט ליגען אין סאַמע מיטען, צווישען צוויי עקסטרים ערגרייכבאַרע פּונקטען א—ג, און ב וועט ליגען אין די העלפט צווישען א—ב—ג, דער ב וועט זיין פּונקט דאָרט פון וואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבען איהר באַוועגונג, אַזוי אַז די סובסטאַנץ באַזיצט אַ כח זיך צו ענדערען אין צוויי ריכטונגען, הין און צוריק, און דאַרף אויף ביידע ריכטונגען דורכמאַכען די זעלבע מאָס ענדערונגען און זיין נאַטירליכער צושטאַנד דאַרף זיין אין מיטען צווישען די עקסטרעמסטע פאָרמען פון דער מאַטעריע. און אַזוי ווי די פאָרמען זענען הארטע און גאַז פליסענדע צושטאַנדען, און אין מיטען פאַרנעמט פליסיגקייט, קומט אויס אַז וואַסער אָדער פליסיגקייט דאַרף פאָרשטעלען איהר נאַטירליכען צושטאַנד. דעריבער האָט טאַלעס געגעבען פּרימיטיוועט פאָרצוג צו וואַסער . . .

אַנאַקסימאַנדער אָבער זאָגט, אַז ניט פון וואַסער קומט

אַלעס, ווייל אַ שטאָף אָדער געגנעשטאַנד פון וואָס עס שטאַמט אָפּ, אַז עס טראָגען אין זיך די זוימען פון יענעם שטאָף, זייערע נאַטורן דאַרפען לפּחות האַרמאָנירען, זאנסט וואָלט איינע ניט געקענט וואוינען אין דער צווייטערס ברוסט. וואַסער איז אָבער אַ געגענזאַץ צו פייער, נור דער ערשטער פּרינציפּ מוז זיין אַזאַ כאַאָס וואָס באַשטייט פון אַ סך שטאָפען וואָס זאָל זיין קוואַליטעטלאָז און שטעלט פאָר דעם מיטען פון אַלערליי שטאָפען צווישען אַלע קאַנטראַסטען צוזאַמען אומענדליך . . .

עמבריאָלאָגיע. 13.

דאָס געזעץ פון אָרגאַנישען לעבען איז, אַז יעדער לעבעדיגער יחיד ווערט שטאפּעלווייז פאַרענדערט מיט דער צייט, און דאָס רופט זיך אינדיווידועלע לעבען און ענדיגט זיך מיט'ן טויט, וועלכע צופאַלט אין אַ לעבלאָזען שטאָף. בלויז די זאמענצעלען זעצען פאָרט זייער לעבען אונטער באַשטימטע באַדינגונגען.

די צעללע (תא) איז דאָס איינפאַכסטע מארפאלאָגישע עלעמענט וועלכע איז פייהיג צו לעבען. די צעללע באַשטייט פון אונענדליך קליינע עלעמענטען, וועלכע בילדען דאָס פּראָטאָפּלאַזם אָדער צעללען סובסטאַנץ. עס איז אָבער נאָך ניט בעקאַנט די קאָמפּליצירטע סטרוקטור פון דער פּראָטאָפּלאַזמע. אין דער צעללע געפינט זיך אַן אנדער

צעללע און אין איהר ליגט אַ נוקלעאוס, אַ קערן. דאָס קערנענדעל איז דאָס וויכטיגסטער טייל פון דער צעללע. אַ צעללע קאַרבט זיך איין און צוטיילט זיך אויף צוויי באַזונדערע צעללען, וועלכע, וואַקסען איינזויגענדיג די ערנערענדע פליסיגקייטען וואָס רינגלען זיי אַרום. דער טויט פון דער צעללע מיינט אויך דער טויט פון גאַנצען אָרגאַניזם.

דער קערן פון אַ צעללע זעהט אויס ווי אַ קיילעכדיג בלעזל. אין קערן ליגען נאָך אַנדערע קערן קערפערלאַך וועלכע פאַרבען זיך לייכט און הייסען כראָמאַטין. דער טיילונג פּראָצעס הייסט „צענטראַזאָם".

14. די פיטאַגאַרישע שולע.

אין זיין שולע פאַרנעמט מאַטעמאַטיקס דעם אויבען־אָן. „די מאַטעמאַטיק ערמעגליכט דעם שכל גרייכען קענט־נישען אַפּריאָרי—(ד. מ. דאָס וואָס קומט ווערט אָנגענו־מען פריהער) אָן די הילף פון חושים. דעם קערפּער האַלטען אויף איבונגען, דאַיעט און מעדיצין. די נשמה האַלטען אויף מוזיק, וועלכע בעפרייט איהר פון קערפּער'ס רשות און ברייננט איהר צו גליקזעליגקייט. און ווייל פיטאַגאָרי האָט געגלויבט אין גלגול הנפש, האָבען זיינע תלמידים ניט געטאָרט עסען פלייש. אין דעם בילען פון אַ הונט האָט פיטאַגאָרא דערקענט די שטימע פון דעם הונט'ס

בעל הבית"ס אַ פריינד. די גאַס האָט ניט געטאָרט וויסען וואָס אין אָרדען טוט זיך (חכמי אתונה בכורות ה'). פיטאַגאָרעס לעהרען זענען שווער צו דערגעהן ווייל זיי האָבען זיך באַנוצט מיט אַ ציפרירטער שפּראַך, באַגריפען אומלעזבאַרע, סימבאָליזמען, אַ געמיש פון פילאָזאָפיע מיט פּרימיטיווער טעאָלאָגי, מיסטיציזם. און צוליב די שוועריגקייטען האָט זיך געשאַפען דער „נעאָפיטאַגאָריזם", ד. מ., אַלט און ניי צוזאַמען. דער גרונד פּרינציפּ פון זיין לעהרע באַשטייט אויף מאַטעמאַטיק און מוזיק. דעריבער האָט ער עס גערופען „קאָסמאָס" צוליב דער האַרמאָני און שענקייט וואָס הערשט אין איהר. אַלע צאָהלען זיינען „אום" און „גראַד". לייג צו איינס צו אַ גראַד נומער ווערט שוין די צאָהל ניט פאַנאַנדערגעפאַלען, ווייל אַ גראַד טיילט זיך. דעריבער טראָגט די האַרמאָני פון דער וועלט אַ פּרינציפּ פון דואַליזם, צווייהייט, קאַמף און שנאה, גוף און נשמה. זיין סיסטעם איז קבלה, ספירות און גימטריאות. צוויי איז געווען די דעפיניציע פאַר נקבה, פעמינין, און דריי פאַר זכר, מאַסקולין. יושר איז 4, חתונה איז 5. די טערמינאָלאָגיע איז זעהר אַ שווערע. אַריסטאָטעל באַמערקט אַזוי: די פּיטאַגאָרער האָבען געדענקט אַז אַזאַ צאָהל איז יושר און אַזאַ איז נשמה, שכל, און ווייל זייער ספּעציפישע נאַטור איז אונטערוואָרפען פּראָפּאָרצי און האַרמאָני, זאָל אַן ענדערונג קומען אין פּראָפּאָרצי ענדערט

זיך אויך זייער נאַטור. און ווייל זיי האָבען עס אַלעס קלאַסיפיצירט אין צאָלען איז אַלעס מאָדעלירט געוואָרען אויף צאָהלען. און אַריסטאָטעל טיילט אַלעס איין אין 4 אורזאַכען וועלכע ערמעגליכען דער נאַטור עקזיסטענץ: די מאַטערי, די פאָרם, באַוועגונגס פרינציפ (כח המניע) און דער צוועק. מאַטעריע קען געבילדעט ווערען אין אַ פאָרם. למשל, פון בראָנז קען מען מאַכען אַ סטאַטוע— „בראָנז איז די מאַטעריע פון דער סטאַטוע". דער אַרטיסט וואָס מאַכט עס איז איהר „באַוועגונגס פרינציפ", די אורזאַכע צוליב וואָס ער מאַכט עס, הייסט „צוועק".

15. העגעל, ספּענסער, און קאַנט.

העגעל לערנט אַז ניט די מאַטעריע איז דער טרעגער פון דער וועלט נור דער גייסט. די פאָרם פון דער עוואָלוציאָנס ענטוויקלונג איז די „טריאַדע", דריי פאַזען:— טעזיס, אָדער בעשטימטער אויסגאַנגס־פּונקט, אַנטיטעזיס אָדער געגענזאַץ פון אויסגאַנגס־פּונקט, און סינטעזיס אָדער צונויפשמעלצונג פון די ביידי הפכים אין איין גאַנצען.

ספּענסער איז דער היפוך צו העגעל'ס טעאָריע. לויט איהם איז ניט דער גייסט נור די מאַטעריע דער הויפּט טרעגער פון דער וועלט. העגעל איז אידעאַליסטיש, ספּענסער מאַטיריאַליסטיש. און אָגיוסט קאָנט לערנט אַז דער מענשליכער גייסט לויפט דורך דריי פאַזען: טעאָלאָגישע

פאזע, אז אלס קומט פון גאָט; מעטאפיזישע פאזע, אז אלס ערקלערט זיך דורך די הילף פון סוד; און די פאזיטיווע פאזע, וואָס עס ווילט זיך ניט קלערען צו געפינען די אורזאכע ווארום עס איז אזוי און ניט אנדערש אין דער נאטור . . .

16. סאקראטוס.

זיין פילאָזאָפיע איז די סאפיסטישע. זייערע פרינציפּן זענען „איך, פּרינציפּ", אויפבויען אַ פילאָזאָפישען בנין צוליב די אינטערעסען פון אייגענעם „איך", „ניצליכקייט פרינציפּ", „טוגענד פּרינציפּ". די פראַגע ווענען יושר און עוולות, גוטס און שלעכטס. דער עיקר אָבער מוזען מיר זיך באשעפטיגען מיט מענשליכע אייגענשאפטען איידער מיט דער נאטור. נאטור ברייננט אונז קיין נוצען ניט. וואָס קענען אונז די בוימער לערנען? מיר מוזען אונזער געדאַנק קאָנצערטרירען אויף דער וועלט פון מענשען'ס לעבען.

סאָקראַטעס איז געווען אַ ראַציאָנאַליסט און געגלויבט אין דער מאַכט פון שכל. ער פלעגט זאָגען: „איך וויים נור, אז איך וויים גאָרניט". זיין מעטאָדע איז „אינדוקציאָן", דורך פערגלייכען איין זאַך צו די צווייטע, קריגט מען די דעפיניציאָן, די קלאָרע מיינונג פון יענעם זין. למשל, ער פרעגט, וואָס איז אומגערעכטיגקייט? אָבנאַרען

אָדער צונעמען ביים צווייטען עפעס? סאָקראַטעס פרעגט: ווען מיר נאַרען אָפּ אין קריג אַ שונא איז עס אויך אַ יושר? ניין! הייסט עס אַז אומ'יושר מיינט אָפּנאַרען אַ פריינד. און אַז איהר ווילט אָפּנאַרען אייער זוהן כדי ער זאָל איינגעהמען אַ רפואה, הייסט עס אויך אומיושר? „נגאטי ז'אויטאן"—ער קען זיך אַליין —איז זיין מאטא, וואָס דער דעלפישער אָראקל האָט צוגעשיקט סאָקראַטעס'ן. סאָקראַטעס זאָגט, שטודיר פריי־הער זיך אַליין אויס, דאַן וועסטו געפינען דעם וועג צום גליק . . .

17. ציניקער.

דאָס וואָרט שטאַמט פון גריכיש „קיאָן־קינאס"—אַ הונט. מען האָט די פרעדיגער פון דער אידעע גערו־פען אַזוי, ווייל זיי פיהרען אַ הינטישען לעבען. זיי לער־נען: אַז אין דער נאַטור איז בלויז סינגולאַר, יחיד, קיין מעהרצאָהל, רבוי; אַ פערד זעה איך, אָבער ניט די פערדהייט. נאָכקומען זאָל מען נאַטירליכע בעדערפעני־שען (דעריבער האָט מען זיי אויך גערופען „הינטישע לע־בענס".) דיאָגענעס איז געווען דער באַריהמסטער פון זיי. „יעדע תאווה, הנאה איז טוגענד און גוט", האָט ער גע־לערנט.

18. פלאטאן.

ער לערנט אז דער ערשטער קוואל איז די עמפפינ־דונג, די חושים. דער צווייטער קוואל איז פּאָבליק אָפּיניאָן, מענשליכע מיינונג. דער דריטער קוואל, אמת'ע מיינונג, און דער פערטער קוואל, מענשליך וויסענשאפטליכען דענקען. ווען א טעכניקער וויל עפּעס אויפבויען מוז פריער שוועבען פאר זיין גייסטיג אויג דאָס בילד, דער מוסטער פון דעם וואָס ער גייט בויען. דער מוסטער איז אַן אידעע ארויסגעבראכט פון דעם מענשליכען שכל. ווען אַ מאטע־מאטיקער פאָרשט אוים די געזעצען פון אַ מאטעמאטישע פיגור, זעהט ער מיט זיין גייסטיגע אויג ניט נור די אידעא־לע פיגורען אליין נור אויך אזעלכע זאכען ווי „גלייכ־הייט" און „פארשיידענהייט", גרעסער און קלענער. עס זענען דאָ אזוי פיעל אידעען וויפיעל ארטען פון וועלטליכע ערשיינונגען. יעדע אידעע איז אַ שכל'דיגע זאך, אַן אומ־באוועגליכע. אלע אידעען אין איינעם בילדען א סיסטעם, איינגעטיילט אין ראנגען לויט עטישע און עסטעטישע חשיבות. די אלער־העכסטע אידעע איז „גוט", דער היפוך פון דער אידעען זועלט איז מאטעריע, אָדער דער קערפּער פון דער וועלט. די אידעע איז לעבעדיג, די מאטעריע איז טויט. די אידעע איז אומבאוועגליך, די מאטעריע באוועגט זיך אימערצו.. די מענשליכע נשמה איז א טייל פון דער וועלט נשמה, איידער זי גייט אריין אין גוף איז זי צונויפ־

געגאָסען מיט איהר מקור. גייט זי אָבער אַריין אין גוף פארגעסט זי אַלץ פון דעם עולם העליון פאַר אַ ווייל, און באַלד נאָכהער צופלאַקערט זיך ווייטער אין איהר די בענקונג צו יענע הויכע הימעלשע ספערן, צו דער אידעען וועלט און דאָס איז דער „עראָס”, „פלאַטאָנישע ליבע”, און ווייל שעהנקייט איז אַן אידעע פאַרליבט זי זיך אין אַ שיינער קערפערליכער געשטאַלט און שטרעבט צו קערפערליכע הנאות. דאָס וואָרט פילאָזאָפיע, ליבען חכמה שטאַמט פון פלאַטאָן. יעדע טייל פון דער נשמה האָט איהר אייגענע טוגענד צו וועלכע זי שטרעבט. טוגענד פון שכל איז חכמה, טוגענד פון מוט איז קוראַזש, באַרעמהערציגקייט. אין זיין „רעפּאָבליק” בריינגט ער דעם געדאַנק פון סאָציאַלער פּעדאַגאָגיק.

19. אריסטאָטעל.

ער איז געוועזן פלאַטאָן'ס תלמיד און ער לערנט אַז גאָט איז איינער, אַ חוץ איהם זענען קיין געטער ניטאָ. פינף עלעמענטען זיינען פּרינציפּעל אין יעדען פאָרם: פייער, לופט, וואַסער, ערד און די קווינטא עסענציא. דאָס איז די מאַטעריע פון וועלכע דער הימעל איז געבויט. אַ צונויפמישונג פון די עלעמענטען מיט אַ העכערער פאָרם איז די פלאַנצען וועלט. די פאָרם פון אַ פלאַנץ איז שוין אַ נשמה. פון דער נשמה שטאַמט איהר לעבען, איהר וואַקסען. נאָך העכער שטייט די חיה'שע נשמה, זי האָט

באוועגונג, באמערקונג און זכרון. נאָך העכער שטייט די מענשליכע נשמה וואָס האָט שוין פערנונפט און פרייען ווילען. דער מענש איז די קרוין פון דער יצירה אויף דער ערד. העכער פון די ערדישע וועזענס שטייען הימעל־ שע — דאָס העכסטע וועזען איז גאָט.

20. סטאאיקער.

זייער שטודיר פּלאַץ אין אטהען איז געווען אויפ'ן „סטאָא פּאַיקיליע" אָרט. זיי זענען סענסואַליסטען, זיי גלויבען אז יעדע ערקענטניש קומט פון די חושים (סענ־ סעס). דעם מענשענס נשמה קומט אויף דער וועלט ווי „טאבולא ראסא", א ליידיגער טאָוול. די איינדריקע פון די חושים לאָזען אויף איהר איבער א שפור ווי א שטעמפּעל אין וואקס. פאָרשטעלונגען וואָס צווינגען אונ־ זער נשמה זי זאָל צושטימען צו זיי ווי אקסיאָמען. אין מאטעמאטיק הייסט ביי זיי „פאנטאזיא קאטאלעפּטיקא". זיי בויען זייער עטהיק אויף פליכט. א מענש דאַרף שטרע־ בען צו רוה, ניט ארויסגעריסען ווערען פון דעם גלייכגע־ וויכט. קאָסמאָפּאָליטיזם — וועלט בירגערטום — איז א פאָדערונג פון מענשליכען שכל, און ווייל שכל איז איין און דער זעלבער מוז זיך געפינען איין שכל'דיגער רעכט ביי אַלעמען. די העכסטע טוגענד איז צו לעבען ווי אונזער נאַטור דיקטירט, ווייל אין זיי איז פאַרקערפּערט דער געט־

ליבער וועלט שכל, „קאַטאַ פיזין זען". עטיק פאַרנעמט ביי זיי דעם פּלאַץ צווישען דואַליזם און מאָראַלישען אידעאַל.

21. פאַרגאַנגענהייט.

דאָס וואָס איז געווען איז מעהר ניטאָ, איז אַזוי וויי־ניק ווי דאָס וואָס איז קיינמאָל ניט געווען, אָבער אַלץ וואָס איז, איז אין דעם צווייטען מאָמענט שוין אַ פאַר־גאַנגענע זאַך. און דעריבער האָט דער אומבעדייטלאַכס־טער איצט פאַר דעם בעדייטליכסטען אמאָהל דעם פאָר־צוג פון רעאַליטעט און באַציט זיך צו איהם ווי עפּעס צו גאָרנישט.

יעדע געשעהעניש פון אונזער לעבען געהער נור אויף איין אייגענבליק דעם איצט דערנאָך אויף אייביג — דעם אמאָל. יעדען אָוועגט זיינען מיר אויף איין טאָג אָרעמער. ווי זאָגט דאָרט שאָפּענהויער: „מיר וואָלטען אפשר אראָפּ פון זינען צוזעהענדיג ווי שנעל די צייט פאַרגייט, און אונזער לעבען פאַרשווינדט, ווען מיר וואָלטען נישט גע־האַט דעם בעוואוסטזיין אז מיר האָבען אין אונזער באַ־זיץ אַן אומאויסשעפּליכען קוואַל פון אייביגקייט, כדי צו קענען דערפון בענייען די צייט פון לעבען".

אונזער עקזיסטענץ האָט נישט קיין אנדער יסוד, ווי

נור דער איצט וואָס פארשווינדט. און דאריבער האָט זי פאר איהר פאָרם די שטענדיגע באוועגונג, ענליך צו אַ מענשענס לויף בארג אראָפּ. ווען ער זאָל וועלען בלייבען שטעהן, וואָלט ער געמוזט פאלען, און נור דורך ווייטערדיקען לויפען קען ער זיך האלטען אויף די פיס. אין אַ וועלט וואו קיין שום דויערליכער צושטאנד איז נישט מעגליך, נור אלץ איז פארכאפּט פון אויפהערליכען ווירבל און ענדערונג קען מען וועגען גליק נישט דענקען. לויט פלאטאָ: „דאָס גליק קען ניט זיין דאָרט וואו עס האלט אין שטענדיג ווערען און קיינמאָל ניט זיין". דער מענש גרייכט קיינמאָל ניט דעם גליק, ער שטרעבט בלויז צו איהם. דערגרייכען דאָס געוואונשטע איז אז אלץ איז נישטיק און מיר לעבען בלויז מיט'ן האָפנונג פאר עפּעס בעסערס. און דאָס געגענוואָרט ווערט ניט אריינגערעכענט אין חשבון. און דעריבער איז דער מענש אימערצו גענאַרט פון דער האָפנונג און טאנצט אריין אין די ארעמס פון טויט.

22. ליידען.

פונקט ווי אַ וואסער מאכט ניט קיין ווירבל כל זמן עס טרעפט ניט קיין שטערונגען, אזוי באמערקט זיך נישט דאָס וואָס קומט פאָר אין איינקלאנג מיט אונזער ווילען. און אום עס צו באמערקען מוז עס ניט זיין אין איינקלאנג

מיט אונזער ווילען. נור עס שטויסט זיך אָן עפּעס א שטע־רונג, פונקט ווי מיר פיהלען נישט דעם געזונט פון אונזער קערפּער, אַזוי דענקען מיר אויך ניט וועגען אונזערע גוט גייענדע געשעפטען. עס איז אַן אַבסורד דאָס „שלעכטע" צו דערקלערען פאַר א נעגאַטיוו, ווען גראַד דאָס שלעכטע איז א פּאזיטיוו, וואָס לאָזט פיהלען פון זיך אַליין.

די בעסטע טרייסט אין לײדען איז צו זעהן ווי יענער ליידט נאָך מעהר. פונקט ווי שעפּסען שפּילען זיך אויפ'ן לאָנקע און בעת מעשה האָט שוין דער קצב אויסגעקליבען אייניגע פון זיי מיט'ן קוק, אין אונזערע גוטע טעג ווייסען מיר ניט וואָס פאַר א שלעכטס דאָס מזל האָט גרייט פאַר אונז — אַרבעט, פּלאָגעניש, מיה און נויט זיינען דער גורל פון אַלע מענשען אין זייער לעבענס דויער. וואָלט מען דעם מענשען אַריינגעזעצט אין א לאַנד אָן זאָרג, פון אייביקן יום טוב, וואו אַלץ וואַקסט פון זיך אַליין, וואָל־טען מענשען אויסגעשטאָרבען פון לאַנגווייליגקייט און מעהר ליידען וואָלט עס פאַרשאַפען ווי די וואָס די נאַטור לייגט אַרויף אויפ'ן מענשען. ווי זאָגט ווירגיל: „מיר ליבען די אַכטונג נישט צוליב די אַכטונג נור צוליב די נוצען וואָס זי ברענגט".

די חיות זיינען פיעל מעהר ווי מיר באַפרידיגט בלויז דורכ'ן „זיין". די פלאַנצען—פולשטענדיג. דער מענש

בלויז לויט'ן גראד פון זיין שטומפיגקייט. דעריבער האט די חיה פיעל ווייניגער ליידען ווי דער מענש.

אין דער פריהער יוגענט זיצען מיר פאר אונזער צוקונפטיגען לעבענס וועג, ווי קינדער פאר א טעאטער פארהאנג, געשפאנט ווארטענדיג די פארהאנג זאל זיך אויפהויבען און זעהן זואס עס וועט פארקומען אויף דער בינע. א גליק וואס מיר ווייסען נישט וואס עס וועט פארקומען, וואס פאר אן אורטייל עס ערווארטעט אונז.

היינט איז שלעכט און מיט יעדען טאג קומט ערגערס ביז עס קומט דער דריטער גראד דאס ערגסטע, דער פאזיטיוו; קאמפעראטיוו און דער סופערלאטיוו . . .

.23 געאלאגיע.

באשטיימט פון צוויי גריכישע ווערטער „געא"—ערד, „לאגאס"—באגריף, לעהרע. דאס מיינט, די לעהרע איבער די ערד. לייעלל (1875) ערקלערט: געאלאגיע איז די וויסענשאפט וואס אונטערזוכט די ענדערונגען און די ארגאנישע אפטיילונגען פון דער נאטור, מיט דער ערד. די קוילען וואס מיר גראבען פון דער ערד זיינען פארענדערטע פלאנצונגען וואס זיינען מיט מיליאנען יאהרן צוריק געוואקסען אין זומפען און מיט דער צייט זיינען זיי פארשוואונדען געווארען דורך שטראמען וואסער וואס האבען

זיי געטראָגען, און פון יענע אור וועלדער זיינען די פלאַנ־צונגען פערוואַנדעלט געוואָרען אין קוילען, און אין זיי העגגט אָפּ אונזער היינטיגע אינדוסטריע.

נאָך דער ענטוויקלונג פון אסטראָנאָמיע, פיזיק, כעמי, מינעראָלאָגיע, זאָאָלאָגיע, באָטאַניק און פיזישע געאָגראַ־פיע האָט מען אויך געאָלאָגיע געשאַפען, ווייל די ערד איז פול מיט דאָקומענטען. יעדער שטיינדל, פעלז, בארג, טייך, אזערע, פלאַנצען און חיות זענען בלעטער געשיכטע פון דער ערד אויסגעקריצט פון דער נאַטור אליין. מען דארף אָבער קענען לעזען די דאָקומענטען, און דאָס לערנט „לייעלס פרינציפען".

אין די געזעצען פון מאנו ביי די הינדוסען לעזען מיר: ווען בראהמא איז וואך, איז די וועלט פול מיט לעבען און ענערגישער טעטיגקייט. שלאָפט ער, ווערט די וועלט בים־לעכוויים פארניכטעט. כאַפּט ער זיך אויף (אין טויזענד יאָהר שפעטער) געפינט ער די וועלט באדעקט מיט אָקעאַן און הויבט ווידער אָן שאפען א נייע וועלט. זיי רופען די פעריאָדען מאַנוואַטאראַס.

די עגיפּטיאַנער האָבען אויך די לעהרע פון לאַנגע פעריאָדען וואָס די וועלט ווערט פארניכטעט. דאָס זעלבע דערציילען די כינעזער פון דעם גרויסען מבול פון יאו. דאָס זיינען וואולקאַנישע אויסברוכען און פארפלייצונגען.

דער פערסישער היסטאָריקער פערישטא דערציילט אז גראָבענדיג א בארג האָט מען מענשען ביינער פון ענקים געפונען, (געטירליך מיינט עס עלפאנט ביינער, ווייל זיי קענען ניט קיין אנאָטאָמיע). די ערד איז א פייערדיגע מאסע און צושמאָלצענע מינעראלען, מיט'ן אָפקיהלען זיך אי זי געוואָרען צושפּאָלטען. רייזענדער מערקען אז שטיינער פלאָצען פון קעלט און היץ. די לופט שפילט א גרויסע ראָלע אין דער ערד ענטשטעהונג. געאָלאָגיע טיילט זיך אין 1) דינאמישע — קרעפטען וואָס דורך כעמישע און מעכאנישע ענדערונגען קריגט מען דעם שליסל צו די ערד'ס סודות און 2) סטרוקטור געאָלאָגיע וואָס באשעפטיגט זיך מיט די מאטעריאלען פון וועלכע די ערד באשטייט . . .

24. גייסטער.

אין זיבענצענטן יאָהרהונדערט האָט געהערשט ראציאָנאליזם אויף דער וועלט. דאָס הייסט, יעדער עקזיסטירענדע זאך אין דער נאטור און וועלט האָט געדארפט פערשטאנען ווערען מיט'ן שכל. (ראציאָ — שכל).

אין מיטעלאלטער, ווען מען האָט וואָס געוואָלט ווייסען האָט מען ביי דער קירכע געפרעגט און זייערע, די יעזואיטישע ענטפערדם האָבען געמוזט אָנגענומען ווערען

ווי אן אקסיאָמא, אָן קריטיקס. אין די זיבענצעןהונדערטער האָט מען אָנגעפאנגען אַלעס צו וועלען פארשטיין לויט'ן שכל, און דאריבער האָט מאטעמאטיקס פארנומען דעם פלאץ פון ביבל פאָרשונגען.

דער פילאָזאָף דעקארט האָט אזוי ארום געשאפען דעם „אנאליטיש־געאָמעטרישען" קורס, און די ראציאָנאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט אָנגענומען אזא זיכערהייט אז קיינער האָט מעהר ניט געצווייפעלט אין איהר. דעקארט'ס מאָטאָ איז געווען: „איך דענק" — בעווייזט „איך עקזיסטיר". ברוך שפינאָזא, דער האָלענדישער איד, האָט דעם פאנטעאיזם געשאפען, אז גאָט און נאטור איז איינע און דאָס זעלבע און אַלעס באווייזען מאטעמאטיש.

לייבניץ האָט די דיפערענציאלען בעשאפען (העכערע מאטעמאטישע וויסענשאפט) און ענטדעקט טיפע און קלאָרע טעאָריעס אין פיזיק, כעמיע, אסטראָנאָמיע, לינגוויסטיק און יוריספרודענץ. זיין הויפט לעהרע איז אז די וועלט באשטייט פון זעהר קליינינקע טיילען וואָס זענען אונזעהרבאר און ער רופט זיי „מאנאדען".

ניוטאָן דער ענגלענדער אין זיין בוך „די גרונד דער מאטעמאטיק און פילאָזאָפיע" ענטדעקט די אָנציהונגס־קראפט און די מעכאנישע געזעצען אויף אונזער פלאנעט לויט אַ געוויסען פרינציפּ. לאקק לערנט: אין אונזער

שכל עקזיסטירען ניט קיינע בעגריפען פון געבוירען טאָג וואָס נעהמען זיך פון „ריינעם דיינקען“ אליין און ניט פון אונזערע חושים. די נשמה נעמט אויף איינדריקע פון דרויסען ווי א שפיגעל וואָס שפיגעלט אָפּ די זאך וואָס שטייט פאַר איהם. ערשט דאן ווען דער נשמה שפיגעל האָט באקומען די איינדריקע פון דער אויסערליכער וועלט הויבט אָן צו ארבייטען דער שכל דורך זיין לאָגישען דענקען. עקספערימענטען באווייזען עם דייטליך. דער ראציאָנאַ־ליזם האָט ערוועקט דעם קריטישען שכל און האָט אָנגע־הויבען קריטיקירען אלעס.

וואָלטעיר, א סאטיריקער און אָריגינעלער דענקער איז געוועזען א דעאיסט (גלויבט אין איין גאָט) און געליי־קענט די קיניגליכע לעהרען. ער האָט געפּרעדיגט בלויז אבסאָלוטיזם. קאנדילאק דער פראנצויז, פיהרער פון די סענסואליסטען האלטען אז ניט דער שכל איז דער עיקר נור די חושים, סענסענס זיינען דאָס. נאָך די איינדרוקע פון די חושים קען אָנפאנגען דער שכל ארבייטען.

און האָטבאך, דער פיהרער פון די מאטעריאליסטען, האלט אז מאטעריע איז די הויפט קראפט אין דער נאטור ווייל די וועלט באוועגט זיך מעכאניש ווי א מאשין, און די מאָראלישע געפיהלען, זאָגט ער, קומט פון עגאָאיזם.

דידרא דער פראנצויז האָט צוזאמענגערופען אלע

חכמים פון זיי און זיי האָבען געגרינדעט „ענציקלאָפּע־דיסטען" גרופּע, א שולחן ערוך פאַר אַלע חכמות און דאָס איז געוואָרען כמעט ווי א נייער ביבל.

אדאָם סמיט האָט אין 1776 געשריבען זיין בוך—„דאָס רייכטום פון פעלקער" און וויל אז מלוכה זאָל זיך בכלל ניט מישען אין ווירטשאַפטליכען לעבען פון לאַנד.

און מאָנטעסקעי דער פראַנצויז האָט געטאָן פאַר דער געזעלשאַפטליכער פּאָליטיק דאָס וואָס סמיט פאַר דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

זשאן זשאַק רוסאָ האָט אָבער מיט זיין תורה מעהר סוקסעס געהאַט, ווייל ער לערנט: דער מענש איז פריי, און דאַרף ניט ווערען פאַרשקלאַפט צו אַן אַנדער מענשענס פערלאַנגען. קייטען האָבען אַ טבע אז זיי קענען נישט הענגען אין דער לופטען. זיי מוזען אימיצען בינדען, זיי דאַרפען זיין אַן אָביעקט. פריי קען מען קיינעם נישט מאַכען. פריי מוז מען ווערען. יעדער פאַר זיך אין זיין טיפסטער נשמה. די סביבה דאַרף וועלען זיין פריי!

בריעף פראַגמענטס

אריסטא שרייבט צו זיין תלמיד אַלכסנדר מוקדון.

איבערצייגונג איז אם וויכטיגסטען, לאָמיר דיר ערקלערען אז איך און אַלע פילאָזאָפען לעבען אין טעות, מיינענדיג אַז מיר האָבען דעם אמת געגרייכט, די לעצטע צייט האָב איך געהאַט אַ דעבאַטע מיט די אידישע חכמים און זיי האָבען מיר געוויזען אַז אַלע חכמות אונזערע און אַלע אויפטוהונגען האָבען זייערע חכמים אָן רעש און טומעל לאָקאַניש ערקלערט, און דעריבער ווען איך וואָלט קענען נאָך מיין שטודירען און איבערצייגען זיך אין זייער מאָנאָטעאיסטישען אמת, אַלע פילאָזאָפישע ביכער, פאַרברענט און אַלס רבי ראַט איך דיר, גיב אויף דיינע שווערע מלחמות און ספקות. פאַרטיף זיך אין זייערע לעהרען און דו וועסט גייסטיג באַרייכט און צופרידענ־שטעלענד זיין. (ביבליאָגראַפיע שלשלת הקבלה 83, סדר הדורות א 68)

סענעקא שרייבט: לערען אפילו דו ביסט שוין אַלט, ווייל כל זמן עס זיינען דאָ זאַכען וואָס דו ווייסט זיי ניט דאַרפסטו לעהרנען, ווייל חכמה קומט ניט צו אַ מענשען צופעליג, געלט קען קומען פון זיך אַליין, כבוד באַקומט מען פון אַנדערע, אָבער ניט חכמה, דער ווייגבוים איז גוט ווען ער איז פרוכטיג, וויין ־ ווען עס שמעקט גוט, דער

הירש — ווען ער לויפט שנעל, דער הונט — ווען ער קען די חיות כאַפּען, דער מענש אָבער האָט דעם שכל פון גאָט באַקומען אַליין, גבורה — האָט א לייב אויך. שענהייט — האָט אַ פּאָפּוגאַיע אויך, שנעלקייט — האָט א פערד אויך, א שטימע — האָט א הונט א שטאַרקערע, אַ שאַרפען קוק — האָט אַ אָדלער אַ שאַרפערען. נור שכל איז דער כח וואָס, ווען א מענש באַזיצט איז דאָס זיין גליק. און דאַריבער דאַנק גאָט, און טו מיט דיין שכל דאָס, וואָס גאָט הייסט דיר. —

מאַרקוס ארעליוס שרייבט: עס טוט מיר לייד אויף דעם טויט פון מיין פריינד, עס איז אבער אן אומגליק אז די אויג זאל טריקענען און ניט טרערען. אבער צופיל טרויערען דאַרף מען געוויס ניט. (פאַרגלייך: תלמוד — למת אחר הוא בוכה) אבלות פאַרשווינט גיך, וויל איך בין ניט אין דער מיינונג אז א געשטאָרבענער איז לגמרי טויט, וויל קיין זאך ווערט ניט פאַרלאָרען עס ווערט נור פאַרוואַנדעלט אין אַנאַנדער סובסטאַנץ, אָבער די מאַטעריע איז אונשטערבליך אזוי ווי די נשמה איז אימער אין באַוועגונג. — „האמא מען סאָרא” דער מענש איז די מאָס פאַר אַלעס, און דער מענש מוז קאַלקולירען, אויסרעכענען זיין שטעלונג בנוגע צו אַלע ערשיינונגען . . .

וואָס געלערנטע זאָגען:

1. וואָלטעיר אביסל פילאזאפיע ציהט אָפּ דעם מענשען פון גאָט, א סך פילאָזאָפיע ברענגט איהם צוריק צו גאָט.
2. א קינסטלער האָט נור דאָס וואָס ער שאפט, פאקטען אילוסטרירען נור זיינע אינערליכע איבערלעבונגען. שא פענהייער

3. קיין שטויבעלע, קיין אטאם ווערט ניט פארלאָרען, און דער מענש שרעקט זיך אז דער טויט וועט איהם פארניכטען. ברוּנאָ

4. איהר קלאָגט זיך, ווארום די צייט לויפט אזוי שנעל, זי וואָלט ניט געלאָפען אזוי, ווען דאָס וואָס זי ענטהאלט אין זיך, וואָלט ווערט זיין צו פערהאלטען עס . . . פּאָו
5. די שווערסטע זאך איז וויסען וואָס נישט צו ריידען:
6. די ערד האָט א גרענעץ אבער מענשליכע נארישקייט איז אונענדליך.

7. אויב דו קענסט ניט פארטראָגען א שטאָך פון א דאָרן, א בים פון א בין ווי קענסטו האָניג נאשען און בלומען שמעקען?

8. דער אמת איז טויט.
זאָגט דער שפאניער.

9. מעהר פליגען ווערן דורך האָניג געכאפט ווי דורך עסיג:

10. איין האַנד וואַשט די צווייטע, אָבער בײדע וואַשען דעם פּנים.

11. בויט אײנער אַ הויז אויף יענעמ'ס פּלאַץ, פאַרלירט ער זיינע העלץ און שטיינער דערביי.

12. די נשמה איז די ליכט, דער קערפּער איז אַ פינסטערע לאַמטערנע.

13. אַ שיינע הענדשקע דעקט אפט צו אַ מיאוסע האַנד.

14. אַ בלום אויב די היץ באַקט איהר וועלקט זי, אויב טוי לעשט איהר — בליט זי.

ווערטער פערטייטשונג

אביעקט — א געגענשטאנד

אטריבוט — צושרייבען יענעם

אוניווערס — די גאנצע וועלט

אינדיווידום — יעדער איינער

אטעאיזם — לייקענען אין גאט

אטאם — ס'קלענסטע טייל פון א זאך

אגרעגאט — אויפזאמלונג

אלטערנאטיוו — אבוועקסלונג, אויסטוישען

אסטראלאג — שטערען נביא

באטאניק — פלאנצען־לעהרע

געאלאגיע — ערד לעהרע

דעפיניציאן — ערקלערונג

היפאטעזע — השערה

האלוצינאציע — פערזעהן, טעות

פראטאפלאזם — ערשטע געשטאלט

מאנאדא — דער קלענסטער טייל פון א זאך

מארפאלאגיע — לעהרע פון געשטאלטען

עמבריאלאגיע — די לעהרע פון דעם קינדס ענטוויקלונג

קאסמאלאגיע — לעהרע איבער וועלט ענטשטעהונג

דיאלעקטיק — קונסט פון ריידען